לעי"נ הגה"ח ר' שמחה בונים ב"ר אליעזר ז"ל

# פְּנִינֵי קֹדֶשׁ

לאור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אידיש

בס"ד, שנה ב', גליון פ
חג השבועות - פרשת נשא - תשפ"ג לפ"ק

יוצא לאור על ידי מערכת "מסילות באור החסידות"
שע"י מכון אור הצפון דחסידי בעלזא

## א ווארט אויף די פרשה

### זיך דערווייטערן פון די גוים כדי צו קענען מקבל זיין די תורה

**ביי די פרשה פון קבלת התורה שטייט** (שמות יט, ה)**: וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי וּשְׁמַרְתֶּם אֶת בְּרִיתִי וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים.**

דער פשט דערפון איז, אז דער ערשטע כלל פאר מען גייט מקבל זיין די תורה איז - זיך צו דערווייטערן אפילו פון אזעלכע 'קליינִיקייטן' וואס זען נישט אויס קיין גרויסע עבירות, אזוי ווי עס שטייט אין **גמרא** (שבת קה, ב) אז דער יצר הרע קומט נישט צו א מענטש און זאגט איהם 'גיי דינען עבודה זרה' אדער אנדערע הארבע עבירות, ווייל דעמאלטס וועט איהם קיינער נישט פאלגן, נאר ערשט רעדט ער איהם איבער מיט קליינִיקייטן, און ווען מען געבט זיך נישט אכטונג פון קליינע עבירות, קען מען שפעטער צוקומען צו די הארבסטע עבירות ח"ו.

איינע פון די זאכן איז זיך צו דערווייטערן פון די גוים און אלע זייערע 'מנהגים', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא יח, ג): 'כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו וכמעשה ארץ כנען אשר אני מביא אתכם שמה לא תעשו ובחוקותיהם לא תלכו', און רש"י ערקלערט אז מען רעדט דא פון קליינע און פשוט'ע זאכן: "אלו נמוסות שלהן, דברים החקוקין להן, כגון בתי טרטיאות ואצטדיאות", ווייל אויב מען הייבט אָן מיט די זאכן, קען מען אנקומען צו די ערגסטע עבירות.

און דאס איז דער פשט אין פסוק: **"ועתה אם שמוע תשמעו לקולי ושמרתם את בריתי"**, אויב איר ווילט מקבל זיין די תורה, איז דער תנאי דערצו: **"והייתם לי סגולה מכל העמים"**, ערשט דארפט איר וויסן אז מען דארף זיך דערווייטערן פון די גוים כרחוק מזרח ממערב, און נישט נאר פון איסורים ממש דארף מען זיך אכטונג געבן, נאר אפילו פון די קליינע דקות'דיגע זאכן דארף מען אויך זיין שטארק נזהר, און אזוי קען מען מקבל זיין די תורה.

(ליל שבועות תשסד)

### די תורה איז די בעסטע וועג צו צוברעכן די יצר הרע!

**די גמרא** (שבת פח, א) **זאגט אויפ'ן פסוק** (שמות יט, יז) **'ויתיצבו בתחתית ההר', אז דער אייבישטער האט אויפגעהויבן דער בארג העכער די אידן און געזאגט: "אויב וועט איר מקבל זיין די תורה - איז גוט, און אויב נישט - וועט איר דארט באגראבן ווערן!".**

מען קען דאס ערקלערן בדרך רמז, מיט די ווערטער פון **חז"ל** (קידושין ל, א), אז די בעסטע עצה זיך צו שטארקן קעגן דער יצר הרע איז דורך לערנען די הייליגע תורה, אזוי ווי עס שטייט: "בראתי יצר הרע - בראתי לו תורה תבלין", און: "אם פגע בך מנוול זה - משכהו לבית המדרש, אם אבן הוא נימוח, אם ברזל הוא מתפוצץ". נאך שטייט אין גמרא (ברכות ה, א), אז אויב עס העלפט איהם נישט די עצה פון לערנען תורה, איז דא נאך א עצה פון געדענקען די יום המיתה.

און דאס איז מרומז דא אין גמרא: **דער אייבישטער האט אויפגעהויבן העכער די אידן דער 'בארג'**, דאס מיינט מען דער יצר הרע וואס איז צוגעגליכן צו א גרויסע בארג (סוכה נב, א), און געזאגט: **"אויב וועט איר מקבל זיין די תורה - איז גוט"** - ווייל דורך די הייליגע תורה וועט איר קענען באזיגן דער יצר הרע, **"און אויב נישט - וועט איר דארט באגראבן ווערן"** - דאס איז א רמז, אז אויב מען לערנט נישט די הייליגע תורה דארף מען צוקומען צו די אנדערע עצה פון 'יזכיר לו יום המיתה'.

(ליל שבועות תשל)

### אין דער טאג פון שבועות קען מען נוצן די מידות פון גאווה און תאווה פאר עבודת ה'

**עס שטייט אין די הייליגע תורה** (ויקרא ב, יא-יב)**, אז כאטש א גאנצע יאר האט מען נישט געמעגט ברענגען אין בית המקדש א קרבן פון חמץ אדער פון דבש [זיסע פירות], אבער שבועות האט מען יא געברענגט א קרבן פון חמץ - די 'שתי הלחם', און מען האט אנגעהויבן צו ברענגען זיסע פירות - די 'ביכורים'. - דארף מען פארשטיין, פארוואס פונקט שבועות האט די תורה מתיר געווען די צוויי זאכן?**

עס שטייט אין **גמרא** (ברכות נד, א) אז מען דארף דינען דעם אייבישטער אויך מיט'ן **יצר הרע**, און דער **רבינו יונה** ערקלערט אז די כוונה דערפון איז אז מען דארף דינען דער באשעפער אויך מיט די נישט-גוטע מידות. למשל, די מידה פון **גאווה** קען מען נוצן פאר עבודת ה' דורך דעם וואס מען וועט זיין שטאלץ צו טון דער רצון ה', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דה"ב יז, ו): "ויגבה לבו בדרכי ה'", און די מידה פון **תאווה** קען מען נוצן צו עסן לשם שמים.

א גאנצע יאר האט די תורה גע'אסר'ט צו ברענגען אין בית המקדש חמץ אדער פירות, ווייל דער 'חמץ' וואס בלאזט זיך אָן איז א רמז אויף די מידה פון **'גאווה'**, און די זיסע פירות דאס ווייזט אויף **'תאווה'**, און פון די צוויי זאכן דארף מען זיך שטארק דערווייטערן. אבער אין דער טאג פון שבועות, וואס דעמאלטס האבן מיר באקומען די הייליגע תורה און מיר זענען אנגעקומען צו זייער א הויכע מדריגה, האבן מיר באקומען א כח צו דינען דעם אייבערשטן אויך מיט די נישט-גוטע מידות. דערפאר האט אונז דער אייבישטער געזאגט אז מען זאל ברענגען שבועות די 'שתי הלחם' פון חמץ און 'ביכורים' פון פירות, כדי צו ווייזן אז אין דעם טאג קען מען נוצן אויך די שלעכטע מידות פאר עבודת ה'.

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די **גמרא** (פסחים סח, ב) דערציילט, אז **רב יוסף** פלעגט זאגן שבועות: "גרייט'ס צו פאר מיר אן 'עגלא תילתא' [א ספעציעלע קעלבל], ווייל ווען נישט דער טאג וואס מיר האבן באקומען די תורה - איז דאך דא נאך מענטשן אויפ'ן גאס וואס הייסן יוסף". פרעגן די מפרשים, אז די **גמרא** (סוטה מט, ב) זאגט דאך אז רב יוסף איז געווען א גרויסע עניו?

דער תירוץ איז, אז רב יוסף האט געוואלט ווייזן דער גרויסקייט פון דעם טאג, אז דורך דער טאג פון שבועות האבן מיר א כח זיך צו באנוצן אויך מיט די נישט-גוטע מידות - אזוי ווי גאווה און תאווה - פאר עבודת ה', דערפאר האט ער געהייסן מאכן אן 'עגלא תילתא' וואס דאס זעט אויס ווי א 'תאווה', און ער האט געזאגט אויף זיך אז אין זכות פון די תורה איז ער חשוב'ער ווי אנדערע מענטשן, וואס דאס זעט אויס ווי 'גאווה', - אלעס כדי צו ווייזן אז דורך דעם טאג קענען מיר נוצן די מידות פאר עבודת ה'.

(סעודה ב' פרשת ויקרא תשמח)

### די גרויסקייט פון די אידן - איז אונז מחייב!

**כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל** (יט, ג)**.**

**רש"י** ברענגט אז משה רבינו האט דא גערעדט אויך ווייכע רייד (**"תאמר"** איז א לשון פון ווייכע רייד). און אויך האט ער געזאגט שארפע ווערטער (**"ותגיד"** איז א רמז אויף שווערע ווערטער, "דברים הקשין כגידין"). - פרעגן שוין די מפרשים, אז די זעלבע ווערטער האט ער דאך געזאגט צו אלע אידן, אזוי ווי **רש"י** זאגט ווייטער (פסוק ו): "אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל - **לא פחות ולא יותר**", וויאזוי קען זיין אז עס איז געווען ווייכע רייד און אויך שווערע ווערטער?

דער תירוץ איז, אז אין אמת'ן אריין האט משה רבינו דא געזאגט פאר די אידן געוואלדיגע געשמאקע און אנגענעמע ווערטער (שם ד-ה): **"אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים, ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים"**, - ווי טייער און חשוב זענען די אידן ביים אייבערשטן, און ווי שטארק האט ער אונז דערנענטערט צו זיך. אבער ווען מען טראכט אביסל אריין אין די ווערטער, איז דאס זייער שווערע ווערטער, ווייל דאס איז אונז זייער שטארק מחייב צו היטן די תורה און מצוות, און נישט זינדיגן ח"ו.

אזוי ווי א מענטש וואס האט טייערע ווערדפולע דיאמאנטן, דארף דאס היטן מער פון אלע זיינע אנדערע זאכן; אזוי אויך די אידישע קינדער וואס האבן אזא טייערע און הייליגע נשמה, דארפן זיי דאס היטן זייער שטארק, און דערפאר האט אונז דער אייבישטער געגעבן די 613 מצוות, וואס זיי היטן אויף אונזער הייליגע נשמה אז זי זאל נישט קאליע ווערן.

(סעודה ג' פרשת במדבר תשמו)

## א געדאנק
### אויף עניינא דיומא

### 'נעשה ונשמע' – היטן די תורה מיט מסירות נפש!

אין **גמרא** (שבת פח, א) שטייט, אז ווען די אידן האבן געזאגט **'נעשה ונשמע'** איז ארויסגעקומען א בת-קול און געזאגט אז דאס איז דאך א לשון וואס די מלאכי השרת באנוצן זיך מיט דעם. די כוונה פון די גמרא איז, אז נאר מלאכים וואס האבן נישט קיין שום 'מניעות' און שטערונגען זיי זענען אלעמאל גרייט צו טון דער רצון ה', זיי קענען זאגן 'נעשה ונשמע' - מיר וועלן טון און נאכדעם וועלן מיר הערן, אבער א מענטש האט דאך אסאך מאל פארשידענע שוועריגקייטן, דערפאר דארף ערשט זיין 'נשמע' - ער דארף קודם הערן וואס מען בעט פון איהם, און טראכטן צו ער קען דאס טאקע טון, און נאר נאכדעם קען ער זאגן 'נעשה'.

נאר דער אמת איז, אז א איד כאטש ער האט שטערונגען און שוועריגקייטן דארף ער זיך אונטער נעמען צו מקיים זיין די תורה און מצוות מיט מסירות נפש, און זיך מתגבר זיין אויף אלע מניעות, אזויווי חז"ל זאגן: "אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה". און אזוי זען מיר שוין ביי אברהם אבינו, אז כאטש ער האט געהאט אסאך נסיונות און שוועריגקייטן, איז ער אלעס בייגעשטאנען און געדינט דער אייבישטער מיט מסירות נפש. און דאס איז דער טעם פארוואס מיר טרעפן אין **מדרש** (שמו"ר כח, א) אז ווען די מלאכים האבן גע'טענה'ט אז מען זאל נישט געבן די תורה פאר די אידן, האט דער אייבישטער געמאכט אז משה רבינו זאל אויסזען אזויווי אברהם אבינו, - ווייל דער אייבישטער האט געענטפערט פאר די מלאכים: "וויאזוי ווילט איר באקומען די תורה? איר האט דאך בכלל נישט קיין מניעות און נסיונות, און נאר אברהם אבינו וואס האט געהאט אסאך נסיונות איז ראוי צו באקומען די תורה".

און דאס איז אויך דער פשט אין דער פיוט: **"ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד"** - ווען די אידן זענען געקומען צום בארג סיני און געהערט אז מען דארף היטן די תורה מיט מסירות נפש, האבן זיי גלייך אויסגערופן 'נעשה ונשמע' - מיר וועלן אלעס טון וואס מען וועט נאר הייסן, און מיר וועלן נישט טראכטן צו מיר קענען דאס טון אדער נישט, ווייל מען דארף דאך האבן מסירות נפש צו היטן די תורה; און דאס מיינט **"ופתחו וענו ה' אחד"** - 'ה' אחד' איז א רמז אויף קריאת שמע, וואס ביי קריאת שמע איז מען זיך מוסר נפש פאר'ן אייבערשטן, און אזוי אויך די תורה דארף מען מקבל זיין מיט מסירות נפש. און נאר נאכדעם האבן זיי געבעטן: **"ברוך הנותן ליעף כח"** - דער אייבישטער זאל אונז געבן כח אז מיר זאלן טאקע זיך קענען שטארקן אויף אלע נסיונות און שוועריגקייטן.

(ליל שבועות תשכט)

## סיפורי קודש
### אויף יום טוב שבועות

### די גרויסקייט פון א צובראכן הארץ

דער **מדרש** (שה"ש רבה א, נו) דערציילט, אז פאר קבלת התורה זענען די אידן געשלאפן, ביז משה רבינו האט זיי געדארפט קומען אויפוועקן. - לכאורה דארף מען דאס פארשטיין, וויאזוי קען זיין אז נאך די אלע גרויסע הכנות זענען די אידן געגאנגען שלאפן און זיי זענען אויפגעשטאנען שפעט, זיי וואלטן דאך געדארפט אויפבלייבן א גאנצע נאכט און נישט קענען איינשלאפן פון גרויס התרגשות פון דער גרויסע מעמד?!

ענטפערט דער **'ערוגת הבושם'**, אז עס מוז זיין אז דער אייבישטער האט ספעציעל געמאכט אז די אידן זאלן איינשלאפן און זיך נישט אויפוועקן. און דער טעם פארוואס דער אייבישטער האט דאס געמאכט, ווייל די גרעסטע הכנה צו קבלת התורה איז זיך צו האלטן קליין בענווה, און ווען משה רבינו איז געקומען אויפוועקן די אידן צו קבלת התורה, און זיי האבן געזען אז עס איז שוין טאג און די שכינה איז שוין אראפגעקומען אויפ'ן בארג סיני, און זיי זענען געשלאפן א גאנצע נאכט, זענען זיי זיכער געווארן שטארק צובראכן זעענדיג זייערע נידריגע מדריגה, און זיי האבן זיך נישט געקענט גרויס האלטן מיט אלעס וואס זיי האבן זיך צוגעגרייט די גאנצע ספירה-טעג, און דאס איז געווען די גרעסטע הכנה צו קבלת התורה!

און דאס איז אויך דער טעם פארוואס מיר זענען אויף שבועות בייננאכט, כדי מיר זאלן געדענקען אז די אידן זענען געשלאפן, און זיך אפלערנען די גרויסקייט פון זיך האלטן קליין.

אזוי דערציילט מען אויך אויף **הרה"ק ר' שלום שכנא פון פראהביטש זי"ע**, אז אין זיינע יונגע יארן האט ער געוואוינט נעבן זיין גרויסע זיידע דער **הייליגע 'מאור עינים' פון טשערנאביל זי"ע**. איינמאל ערב ראש השנה ווען מען האט אנגעהויבן צו דאווענען 'מנחה', האט ער געשפירט אז ער האט פארלוירן אלע זיינע 'מוחין' און הויכע כוונות, און ער האט בשום אופן נישט געקענט נתעורר ווערן, און ער האט אנגעהויבן צו דאווענען מנחה אזויווי א פשוט'ע איד, און ער איז געווען אזוי צובראכן ביי זיך אז ער איז אוועק געגאנגען פון זיין פלאץ ביים מזרח-וואנט פון שוהל, און ער איז געגאנגען שטיין ביים ווינקל פון בית המדרש, דארט האט ער געדאוונט מיט א גרויסע געוויין און א צובראכן הארץ.

צומארגנ'ס האט איהם דער אייבישטער געהאלפן, און ער האט צוריק געקענט דאווענען מיט אלע הויכע כוונות, און אלע זיינע תפילות איז שוין געווען מיט די גרעסטע כוונות און מדריגות.

דער 'מאור עינים' האט געהאט א מנהג צו גיין יעדע שבת צופרי אויף 'קידוש' צו א אנדערע אייניקל. אין יענע יאר איז ער געגאנגען 'שבת שובה' אויף 'קידוש' ביי רבי שלום שכנא, און בשעת'ן 'קידוש' האט ער געפרעגט פאר זיין אייניקל: "איך האב געזען אין הימל אז די ערשטע נאכט ראש השנה האבן דיינע תפילות געשיינט אויף א מורא'דיגע אופן. די צווייטע טאג איז אויך געווען זייער גוט, אבער נישט אזויווי די ערשטע נאכט, וואס איז פשט דערפון?".

רבי שלום שכנא האט גלייך פארשטאנען, אז אין הימל זענען די תפילות פון די ערשטע נאכט געווען זייער חשוב וויבאלד זיי זענען געדאוונט געווארן מיט א אמת'ע צובראכן הארץ...

(ליל שבת פרשת במדבר תשס)

*

### די תורה לערנט אונז אויס די אמת'ע ענווה

די **גמרא** (פסחים סח, ב) דערציילט, אז רב יוסף פלעגט זיך שטארק פרייען שבועות, און ער פלעגט זאגן: "ווען נישט דער טאג וואס מיר האבן באקומען די תורה - איז דאך דא נאך מענטשן אויפ'ן גאס וואס הייסן יוסף". עס איז באקאנט די קשיא, אז לכאורה קוקן די ווערטער אויס אזויווי גאווה, און די **גמרא** (סוטה מט, ב) זאגט דאך אז רב יוסף איז געווען א גרויסע עניו?

מען קען דאס פארענטפערן מיט א מעשה וואס איז געווען ביי **הרה"ק ר' דוד פון לעלוב זי"ע**, אז אמאל איז ער געקומען צו זיין גרויסע רבי דער הייליגע **רבי פון לובלין זי"ע**, און ווען ער איז געגאנגען 'שלום' נעמען האט דער רבי פון לובלין איהם געפרעגט: "ווער איז די נידריגסטע מענטש אין דער שטאט לעלוב?" רבי דוד האט געטראכט ביי זיך: אפשר דער בעדער, דער שוסטער, דער קוימען-קערער..., און ער האט גארנישט געענטפערט. דער רבי פון לובלין האט איהם נישט געוואלט געבן 'שלום', און רבי דוד איז צוריק געגאנגען צו זיין אכסניא, און אנגעהויבן צו מאכן א חשבון הנפש פארוואס האט איהם דער רבי נישט געגעבן 'שלום', און אזויווי ער האט אריין געטראכט אין אלע זיינע מעשים, איז ער צוגעקומען צו א מסקנא אז ער איז די נידריגסטע מענטש אין לעלוב... איז ער שנעל צוריק געגאנגען צום צדיק און געזאגט אז ער ווייסט שוין ווער איז די נידריגסטע מענטש אין לעלוב - ער אליין... - יעצט האט איהם שוין דער רבי פון לובלין אויפגענומען מיט גרויס כבוד און געגעבן א ברייטע 'שלום עליכם'.

פון דער מעשה זען מיר, אז עס איז נישט גענוג זיך צו האלטן קליין און טראכטן 'איך בין א פשוט'ע מענטש אזויווי אלע מענטשן', נאר אַן אמת'ע עניו דארף טראכטן ביי זיך 'איך בין די נידריגסטע מענטש פון אלע מענטשן'. די גרויסע מדריגה פון ענווה לערנען מיר זיך פון די תורה, אזויווי עס שטייט אין פסוק (במדבר יב, ג): "והאיש משה עניו מאוד **מכל האדם אשר על פני האדמה**" - משה רבינו האט נישט געהאלטן אז ער איז א פשוט'ע מענטש אזויווי אלע מענטשן, נאר ער האט געהאלטן אז ער איז נידריגער פון אלעמען.

דאס איז דער פשט אין די ווערטער פון רב יוסף: **"אי לאו האי יומא דקא גרים"** - אויב מיר וואלטן נישט באקומען היינט די תורה, וואלט איך געמיינט אז - **"כמה יוסף איכא בשוקא"**, איך וואלט זיך נאר געהאלטן קליין און געטראכט אז איך בין אזויווי אלע אנדערע יוסף'ס וואס זענען דא אין גאס; אבער יעצט אז מיר האבן באקומען די תורה, ווייס איך אז איך בין נידריגער פון אלע מענטשן...

(כ' אייר תשלט)


תודתינו והוקרתינו נתונה לידידינו שתרמו מהונם להצלחת הוצאת גליון זה

דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ

כל חסיד בעלזא אומר מדי יום את קאפיטל התהלים הקבוע

להצטרפות וקבלת קאפיטל תהלים יומי קבוע
חייג למערכת "על הצדיקים"
02.313.7666

על הצדיקים

הרה"ח ר' **חניה בינעט** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת הולדת בנו
במזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **משה יוסף** בר"א **פרידמאן** שליט"א
מאנטריאל
לרגל שמחת הולדת בנו
במזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת

העסקן הדגול
הרה"ח ר' **משה סנדר עקשטיין** שליט"א
ראש הקהל דמאנטריאל
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן **שמואל אפרים זלמן** נ"ו
במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **פנחס אליהו בריעף** שליט"א - מאנסי
לרגל שמחת הולדת בנו
במז"ט ובשעטו"מ

הרה"ח ר' **מאיר אויש** שליט"א- אנטווערפען
לרגל שמחת הבר מצווה לבנו הבחור **יו"ט ליפא** נ"ו
במז"ט ובשעטו"מ